# עונג שבת

## פרשת נשא תשע״א

**די וואך גייט מען צוריק צו די פארזעצטונג וואס מען האט אנגעפאנגען פרשת בהר. כדי צו מאכן עס גרינגער פארן עולם, גייט מען איבערדריקען די וואך דעם אנפאנג פונעם מעשה אויך.**

גוט שבת אלע אידן. ר׳ ברוך יאדלער איז אן עסקן פארן מוסד ״יד לאחים״ א טייערע ארגאניזאציע וואס ארבעט טאג און נאכט צו מקרב זיין אידן. ליידער איז ר׳ ברוך נישט געזונט געווען אסאך יארן, און ער איז עטליכע מאל געווען אין שפיטעלער, ל״ע. אמאל, ווען ער האט געדארפט זיין אין שפיטאל א שטיק צייט, איז ער געווען אין א שטוב מיט אן אנדערע מענטש וואס האט אויך געדארפט האבן א רפואה שלימה. יענער מענטש האט געהייסן יחיאל קרוגער (נישט זיין עכטע נאמען).

ר׳ ברוך האט באמערקט אז ר׳ יחיאל׳ס קינדער האבן אים באזוכט אין שפיטאל כסדר. זיינע קינדער האבן געמאכט א גוטע רושם אויף ר׳ ברוך, ווייל זיי האבן באהאנדלט מיט זייער טאטען אויף א שיינעם ב׳כבודיגען אופן. חוץ דעם האבן זיי אלע אויסגעקוקט זייער ערליך און פרום. איין נאכט, ווען די שטוב איז געווען שטיל ווייל זייערע משפחות זענען אהיימגעגאנגען, האט דער עסקן ר׳ ברוך געזאגט צו ר׳ יחיאל, ״איך ארבעט מיט קינדער פון אלע עלטער שוין אסאך יארן, און איך מוז דיר זאגן, אז דיינע קינדער זענען ממש ספעציעלע קינדער. ווי אזוי האסטו אזוי מצליח געווען מיט זיי?... דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן!״

ברוך השם אז עס איז נישט געווען די ערשטע מאל וואס ר׳ יחיאל האט געהערט אז איינער רעדט וועגן זיינע קינדער אין אזא אופן. ער האט געשמייכעלט און ער האט אנגעפאנגען צו רעדן מיט ר׳ ברוך. ״איך האב געהאט סייעתא דשמיא. השם יתברך האט אסאך גומל חסד געווען מיט מיר. יארן צוריק וואלט איך קיינמאל נישט געטראכט אפילו פון האבן אזעלכע חשובע קינדער.״ ״אזוי?״ האט ר׳ ברוך אים געפרעגט, שפירענדיג אז ר׳ יחיאל וויל דערציילן א מעשה. דאן האט ר׳ יחיאל טאקע אנגעהויבן צו דערציילן זיין מורא׳דיג אינטערעסאנטע מעשה...

ווען ער איז געווען א יונגער מענטש נאך זיין חתונה, האט ער געוואוינט אויף א ״קיבוץ״ (א מין מושב פון פרייע אידן וואו מען ארבעט און וואוינט צוזאמען) אין ארץ ישראל. דער קיבוץ איז ליידער געווען שייך צו דעם ״שומר הצעיר״ א גאר נישט פרומע ארגאניזאציע אין ארץ ישראל. פארשטייט זיך, אז אין יענע קיבוץ האט מען נישט געהיטן שבת קודש. כאטש אז זיי האבן נישט געארבעט שבת, האבן די מענטשן דארט זיך נישט צוריקגעהאלטן פון טון מלאכה אין שבת, ווייל יעדער איינער איז פשוט געווען א ״תינוק שנשבה.״ יחיאל אליינס האט אפשר קיינמאל אין זיין לעבן נישט געהאט קיין שייכות מיט חרדישע אידן.

איין שבת נאכמיטאג, ווען ר׳ יחיאל איז געווען אסאך יונגער, האט ר׳ יחיאל געוואלט אביסל ארומפארן אין ירושלים צו זען דארט די אלע אינטערסאנטע זאכן. ער האט גענומען דעם קאר און ער איז אריינגעפארן קיין ירושלים. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען די אלטע בנינים און די אינטערעסאנטע מענטשן. עס איז געווען א שיינע טיול ביז ער איז אריינגעפארן אין דעם ״גאולה״ געגענט, די חרדישע הארץ פון ירושלים עיר הקודש. פלוצלינג האבן קינדער אנגעהויבן צוווארפן שטיינער פון אלע זייטן אויף זיין קאר. ״שבת! שבת!״ האבן די קינדער געשריגן. פארשטייט זיך אז ר׳ יחיאל איז דערשראקן געווארן, ווייל ער האט בכלל נישט פארשטאנען וואס זיי ווילען פון אים. ער האט קיינמאל נישט געוואוסט פון קדושת שבת. ווען נאך א שטיין האט געקלאפט אויף זיין קאר, האט ער אפגעשטעלט דעם קאר און ער האט אנגעהויבן נאכצולויפן יענע יונגל וואס האט עס געווארפן. ווען ער איז ארויסגעקומען פון זיין קאר, איז א חרדישער איד אריבערגעקומען צו אים. דער איד האט מיט גרויס איידלקייט גענומען יחיאל אויפן זייט. ״איך זעה אז דו ביסט נישט פון דא.״ האט דער פיינער איד געזאגט צו ר׳ יחיאל. ״לכאורה, פארשטייסטו נישט וואס זיי וועלן פון דיר, נישט אזוי?״ האט ער ווייטער געזאגט צו יחיאל, וואס האט נאר יעצט אנגעהויבן זיך צו בארוהיגן. ״לאז דיין קאר דא, זיי גיין עס נישט שטערן, און קום מיט מיר.״

יחיאל האט געשפירט אז יענער איד איז טאקע א פיינער מענטש, וועגן דעם האט ער מסכים געווען צו לאזן דעם קאר און גיין מיטן איד. דער איד האט געלייגט זיין ארעם אויף דעם יונגער דרייווער יחיאל׳ס אקסלען מיט א ווארעמקייט. דער איד האט געהייסן רב שפירא, ער איז געווען א רב אין א שול אין דעם שכנות. רב שפירא האט איינגעלאדענט יחיאל אהיימצוקומען מיט אים טועם צו זיין עפעס, ווייל עס איז געווען די צייט פון שלוש סעודות. נאכדעם וואס זיי האבן אראפגעזעצט, געגעסן עפעס און געשמועסט אביסל, האט רב שפירא אנגעהויבן צו רעדן וועגן קדושת שבת. נישט בארעכטיגן וואס די קינדער האבן געטון ווען זיי האבן געווארפן שטיינער, האט רב שפירא פרובירט צו מסביר זיין פאר יחיאל די געפילן וואס אידן האבן ווען זיי זען אז א איד איז נעבאך מחלל שבת בפרהסיא. דאן האט רב שפירא שיין מסביר געווען די פשוטע הלכות פון שבת. עס איז געווארן שפעט און רב שפירא האט געזאגט צו יחיאל אז עס וואלט געווען כדאי צו בלייבן ביי אים ביז מוצאי שבת. יחיאל האט מסכים געווען. זיי האבן פארברענגט דעם מוצאי שבת צוזאמען מיט שיינע דברי תורה, לעבעדיגע זמירות און געשמאקע עסן. עס איז אויסגעקומען א ריזיגע קידוש השם, און יחיאל איז נתפעל געווארן פון דעם אווענט. דורך דעם מוצאי שבת, זענען די צוויי געווארן נאנטע חברים. זיי האבן געגעבן זייער טעלעפאן נאמבערס איינער צום צווייטן, און זיי האבן באשלאסן צו בלייבן בקשר.

בערך זעקס וואכן שפעטער, איז רב שפירא געפארן צום ״קיבוץ״ וואו יחיאל האט געוואוינט מיט זיין בני בית. יחיאל איז נאכאמאל נתפעל געווארן פון רב שפירא׳ס ווארעמקייט, ווייל רב שפירא האט זיך מטריח געווען צו קומען דעם לאנגען וועג צו באזוכן יחיאל. זיי האבן געוואלט געבן רב שפירא צו עסן, אבער ער האט מסביר געווען אויף א איידעלע אופן אז ער קען נישט עסן מיט זיי וועגן כשרות. א טיי האט ער יא מסכים געווען צו טרינקען כדי זיי נישט צו באליידיגען אינגאנצן. ער האט גערעדט וועגן אידישקייט מיט זיי און זיי האבן אים געפרעגט אסאך שאלות וועגן שבת און כשרות, וכדו׳. רב שפירא האט געשפירט אז זיי האבן אן אמתע נטיה צו אידישקייט, בפרט יחיאל׳ס בני בית, וואס האט געזוכט מער א רוחניותדיגע לעבן. רב שפירא איז צוריקגעקומען צום קיבוץ אפאר וואכן שפעטער, און זיי האבן זיך ווייטער אינטערעסירט אין אידישקייט. רב שפירא האט גערעדט מיט זיי וועגן גיין וואוינען אין א ״פרומע״ קיבוץ, וואו יעדער איינער האלט שבת. כאטש אז זיי האבן זיך אינטערעסירט אין אידישקייט, האבן זיי נישט אזוי שנעל געקענט פארלאזן די קיבוץ, וואו דאס לעבן איז געווען אזוי באקוועם. אבער, אפאר טעג שפעטער האט מרס. קרוגער באקומען א בריוו וואס האט געטוישט זייער לעבן אין גאנצען. (ביז יעצט האט מען דערציילט דעם מעשה פרשת בהר...) ר׳ יחיאל׳ס רביצן מרס. קרוגער האט באקומען א בריוו פון דעם ״ווידערגוטמאכונג״ מוסד אין דייטשלאנד. עס איז א מוסד וואס האט באהאנדלט מיט העלפן אידן נאך די מלחמה צו באקומען געלט פון די דייטשע רעגירונג פאר אידן׳ס פארמעגן וואס די רשעים האבן אוועקגענומען אין די מלחמה יארן. די דייטשע רעגירונג האט אנגענומען מר. קרוגער׳ס טענות, און זיי האבן איר צוגעזאגט אז עס וועט אנקומען א טשעק יעדען חודש. מיט דעם געלט האבן יחיאל מיט זיין משפחה געקענט שוין גיין וואוינען אין דעם פרומען קיבוץ. דורך דעם, מיט די צייט זענען די קרוגערס געווארן אמת׳ע בעלי תשובה׳ס! ר׳ ברוך האט אלעס צוגעהערט מיט אן אפענע מויל. ער האט באדאנקט ר׳ יחיאל פארן דערציילן דעם מעשה. ר׳ ברוך האט אים געזאגט אז לכאורה האט ער געהאט א זכות אבות צו קענען זוכה זיין צו ווערן בעלי תשובהס און צו האבן אזעלכע לעכטיגע קינדער. דאן האט ר׳ יחיאל אנגעהויבן צו דערציילן נאך א סיפור וועגן די אינטערעסאנטע השתלשלות וואס האט זיי צוגעברענגט צום אידישקייט.

ר׳ יחיאל האט דערציילט אז אין די מלחמה יארן איז ער געווען איינער פון די ״ילדי טעהעראן,״ קינדער וואס האבן דורכגעלעבט די מלחמה, און מען האט זיי צוזאמענגענומען און אוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל דורך טורקיי און טעהעראן. מען דארף דא דערמאנען אז אין די ערשטע פאר יאר נאך די מלחמה האט מען געדארפט אריינשמוגלען אידן אין ארץ ישראל, ווייל די בריטישע וואס האבן דעמאלט געהערשט איבער א״י האבן נישט אריינגעלאזט קיין סאך אידן. ר׳ יחיאל וואס איז דעמאלט געווען א יונגער בחור, איז געפארן א לאנגע געפערליכען וועג צו קענען אריינקומען קיין א״י. ליידער האט מען אסאך פון יענע קינדער געלייגט אויף פרייע קיבוצים. וויבאלד אז די אלע קינדער זענען געווען ליידער יתומים, זענען נעבאך נישט געווען דארט קיין עלטערן צו נעמען קעיר פון זייערע קינדער. ווען ער איז געווארן אביסל עלטער האט מען געוואלט אים משדך זיין מיט א געוויסע יתומה פון דייטשלאנד.

די יתומה האט דערציילט ווי די דייטשע חיות ימ״ש, זענען פלוצלונג איין טאג אריינגעבראכן אין איר משפחה׳ס הויז. זי איז דעמאלט געווען א 7 יעריגע קינד. די אידן האבן דעמאלט געהערט שמועות אז די רשעים רייסן אוועק קינדער פון עלטערן. אין די לעצטע רגע וואס זי האט געזען איר מאמע אין די וועלט הי״ד, האט איר מאמע געזאגט צו איר, ״מיין טייערן קינד, באלד גיין זיי אונז אוועקשיקען, און ווער ווייסט אויב מיר גיין זיין נאכאמאל צוזאמען? איך וויל אז דו זאלסט מיר צוזאגן איין זאך. דו ביסט צו יונג צו פארשטיין אלעס יעצט. אבער איך בעט דיך, זאג מיר צו אז דו גייסט האלטן א כשר׳ע שטוב!״ דאס קליין מיידל איז געווען צומישט צוליב די שלעכטע זאכן וואס האבן געשען ארום זיי, אבער זי האט געזען דעם ערנסטקייט אין איר מאמע׳ס פנים, און זי האט עס טאקע צוגעזאגט אז זי וועט זיין אפגעהיטן אויף כשרות. באלד דערנאך האבן די רשעים ימ״ש אוועקגענומען אירע עלטערן, און זי האט נעבאך קיינמאל נישט געזען איר טאטען און מאמען.

נאכדעם וואס זי איז באפרייט געווארן, איז זי אויך געפארן קיין א״י. מען האט איר געלייגט אויף דעם זעלבן קיבוץ וואו יחיאל איז געווען. זי האט געזאגט אז זי וועט נאר מסכים זיין צו א שידוך טאמער דער בחור וועט מסכים זיין צו האלטן כאטש א כשר׳ע שטוב. דעמאלט זענען ביידע פון זיי געווען פריי ווייל כאטש זיי זענען געקומען פון אידישע שטובער, זענען זיי אוועקגעריסן געווארן פון זייערע משפחות ביי די יונגע יארן. וועגן דעם האבן זיי כמעט נישט געוואוסט פון אידישקייט, ווייל קיינער האט זיי נישט מחנך געווען אויף דעם דרך השם. יחיאל האט געטראכט אז עס וועט זיין שווער אויפן קיבוץ צו האלטן א כשר׳ע שטוב, ווייל זיי האבן דאך געוואוינט צווישן פרייע חברה. יחיאל האט געוואלט עס דורכטראכטן איידער ער וועט עס אינטערנעמען. ר׳ יחיאל איז אבער ב״ה צוריקגעקומען אפאר טעג שפעטער צו זאגן אז ער איז טאקע מסכים צו דעם שידוך אפילו בתנאי אז זיי מוזן האלטן א כשרע שטוב. דערנאך האבן זיי ב״ה טאקע חתונה געהאט. מיט מסירת נפש האבן זיי געהאלטן א כשר׳ע שטוב אויף דעם פרייען קיבוץ די אלע יארן. און ביז זיי האבן געטראפן רב שפירא, וואס האט זיי מקרב געווען, איז א כשר׳ע שטוב געווען דאס איינציגסטע זאך וואס זיי האבן געהאלטן! ר׳ יחיאל האט געענדיגט דערציילן זיין סיפור צו ר׳ ברוך. דער ״יד לאחים״ עסקן ר׳ ברוך האט אלעס צוגעהערט און ער האט געשמייכעלט, זאגענדיק צו ר׳ יחיאל, ״איך האב געוואוסט אז דיין קינדער זענען הייליג! זיי זענען באמת הייליגע קינדער!״ דאן האט ר׳ ברוך עס געחזרט נאכאמאל, ״הייליגע קינדער... עס איז טאקע נישט קיין פלא אז דו האסט זוכה געווען דורך דיין מסירת נפש מיט כשרות!״

אין די היינטיגע פרשה ליינט מען וועגן די קרבנות וואס די שבטים האבן געברענגט. באמת זענען אלע קרבנות די זעלבע פאר יעדען שבט. אויב אזוי, פארוואס האט די תורה איבערגעחזרט אזוי סאך ווערטער? דאס ענטפער איז אפשר אזוי: די תורה האט געוואלט אונז לערנען אז אלע אידן קענען אנקומען צו דער זעלבער מדריגה אין עבודת השם. אפילו איינער קומט פון די שבט און אן צווייטער קומט פון אן אנדערען שבט, קען יעדער איינער ווערן א הייליגער איד. **גוט שבת אלע אידן.**